לאנדאן-ווייטשעפל

15־טן אקטאבער, 1942

# יידישע קולטור־ארבעט

## די שבת-נאכמיטאגס

די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, וועלכע עקזיסטירן שוין זייט איניגע יאָר און וואָס זייער אויפגאַבע איז, דאָ אין ווייטשעפל דעם יידיש ריידנדיקן עולם, דעם האָראָפּאַשנעם אַרבעטער־מענטש נאָענט און היימיש צו מאַכן מיט אונזער מאָדערנער ליטעראַטור און קונסט, מיט די אוצרות פון אונזער פאָלקלאָר און פאָלקס־ליד; און די לעקציעס וואָס קומען דערביי פאַר מדי שבת בשבת, צו פאַרטיפן און קלאָר צו מאַכן די טראַדיציאָנעלע פאַרבינדונג און דאָס נאַטירליכע אַרויסוואַקסן און ירושה/דיקע צוזאַמענגעוואַקסענע מיט אונזערע אַלטע און אייביקע קולטור אוצרות; נישט נאָר איז דאָס פאָלקס־ליד אַ ווייטער ציען דעם סקאָרבאָווען האַרציקן ניגון פון פאַרן עמוד, אָדער דער רעוואָלוציאָנערסטער מאַרש, ווען ר׳איז עכט און קינסטלעריש געפאָרמט, קלינגט נאָך אין אים דער עכאָ פון די פאַרשייטע קונדיסים אַרום בעלעמער; און וואָלטן מיר דען געהאַט אונזערע קלאַסיקער, ווען מיר וואָלטן נישט געהאַט אונזער פאָלקלאָר, פון וו זיי שעפּן ווי פון אַ לעבעדיקן קוואַל און וועלכער ציט זיך פון „אונטער יעקעלעס וויגעלע" ביז צו אונזער טאַטע יעקבֿ׳ס האַרץ־פאַרגייענדיקן אויסזינגענדיקן „ואני"?—

די שבת־נאָכמיטאָגס, וועלכע זיינען אין און נאָך די „בליץ־תהשים" נאָך פּאָפּולערער געוואָרן, און פאַר די מענטשן דאָ אַ גוטע מנוחה שעה זיינען שוין אַליין כמעט אַ טראַדיציע פאַר צענדליגער מנינים יידן דאָ אין די ווייטשעפּל־געסלעך, זיי האָבן שוין דאָ קונה־שביתא געווען, און זייער חזקה איז שוין אַ קולטורעלער חיזוק פאַר אונזער יידישן ישוב דאָ, אַ נאַטירליכער ווילן פאַר גייסטיקע הצטרכות׳ן. אויב ביים עין־יעקב לערנען דרימלט מען שוין אַ ביסל איין און דעם דובנער מגיד׳ס משל נעמט שוין נישט אַזוי שטאַרק אויס, לעבט מען דאָך אויף הערנדיק שלום־עליכם׳ס אַ מעשה און אַ שטיקל פּרץ זעצט דאָך ווידער אַריין אַ נייע נשמה! און לערנט זיך נישט מענדעלע, ווי עפּעס אַן אַרויסגעריסן בלאַט פון אַ זשי־טאָמיר מסכת? אָבער מיר שטייען נישט נאָר אָפּ בלויז ביי די קלאַסיקער, אַלע אונזערע שרייבער און דיכטער ווערן פאַרגעלעזן און רעציטירט ביז שטיינבאַרג׳ס משלים און ווייטער, ביז צו די יונגסטע סאָוויעטישע און אַמעריקאַנישע יידישע פּאָעטן.

און אפט טרעטן שוין איצט אויף, צווישן די באטייליקטע רעציטאטארס, מאנכע פון די צוהערער און מיט זייערע אמאטאר־דעקלאמאציעס נעמען זיי א סך מאל אויס ביים עולם נישט ווייניקער ווי באַרופס־אַרטיסטן: זייער פארטיפן זיך אין דעם קלאסיקער, אדער אין דעם דיכטער, וואס זיי לייענען פאר, און זייער פשוט'ער אופן ארויסצוברענגען דאס קינסטלערישע, אן איבערטריבענע טעכניק און אן מימיק, האט אין זיך א נאטירליך מסביר זיין און א היימישקייט פון א פסוק פארטייטשן. איז דאך איינגעטלעך די אויפגאבע, נישט נאר אין דער יידישער גאס אריינצוברענגען די יידישע קולטור־שאפונגען, נאר אין הארצן פון יעדן איינעם, א טרייסט און א פרייד פאר יעטווידן פאלקס־מענטש. און אין די פאלקס־לידער און נאך מער אין פאלקלאר שבת־נאכמיטאגס איז ממש יעדער איינער פונם עולם מיטבאטייליקט, נישט נאר ווי א צוהערער, נאר ווי א מיטווירקנדיקער.

איז דאך דער ציל פון די לעקציעס און רעציטאציעס, נישט נאר אויפצוהאלטן דעם גייסטיקן קאנטאקט צווישן די מאסן און דאס באוווסטזיין פון א יידישער קולטור און פראקטיש באווייזן איר נוצליכקייט און סטימול פאר אונזער נאציאנאלער איינהייט און אונזער גייסטיק פאטענציעלע ווייטערע עקזיסטענץ — עס איז נישט נאר בלויז דעם אבסטראקטן נצח־ישראל־גלויבן אין די הערצער צו וועקן! — נאר קומענדיק אין בארירונג מיט אונזערע שאפונגען און מיט דער דירעקטער בארירונג פון זייער אויסווירקונגס־קראפט און השפעה, גייט עס ווי א פרישע אטמאספערע אדורך דורך די טונקלסטע און טוכלע קעמערלעך פונם געמיט, סיי פון די פאסיוו־באטייליקטע, די צוהערער, סיי פון די אקטיוו־באטייליקטע, די קינסטלער און שרייבער דא אין לאנדאן, וועלכע באטייליקן זיך אין די „נאכמיטאגס" — א „יידיש־לאנד"־אטמאספערע, א ליכטיק־דערפרישנדיקע, אין די נעפלען־פארהילטע ווייטשעפל־געסלעך.

און נישט נאר אין די ענגע ווייטשעפלער געסלעך, נאר אומעטום אין אלע געגענטן אין לאנדאן און וו יידן וווינען אין א גרעסערן קיבוץ, איז עס פינסטער־חושך אין זייער געמיטער, און אזא פנים האבן זיי ביי זייערע נישט־יידישע שכנים, אז זיי פארלירן דעם אינערליכן קאנטאקט מיט די אייגענע גייסטיקע שאפונגען און מיט די באלעבנדיקע קולטור־קוואלן. מענטשן אן גייסטיקער אטמאספערע האבן א פינסטער אויסזען, ליגט א מרה־שחורה אויף זייערע פנימער, — צוזאם מיט זיין יצירה פארלירט א מענטש זיין צורה!

אבער נאך א צווייטע און נאך אפשר א וויכטיקערע און עיקרדיקע אויפגאבע האבן די יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס: די קיבוצים און ישובים וו די מאדערנע יידישע ליטעראטור איז געשאפן געווארן, די פויליש־אוקראינישע, ליטוויש־רוסישע שטעט און שטעטלעך זיינען חרוב ונחרב, די מענטשן פארטריבן און אויסגעקוילעט. און וו ס'איז



נאך עפעס איבערגעבליבן איז עס נאך א גרעסערער זכר לחורבן — אונטער געטא־מויערן, צו שמאך און צום פארהונגערן, פאר גזירות־רעות און פאר מגפות! און מיט וואס קאנען מיר העלפן? איז דאך יעדער איינער בא זיך באוווסט אין זיין הימל־שרייענדיקע אומבאהאלפנקייט! טא זאלן מיר דאך כאטש דאס באשיצן און באהיטן, דאס טייער האלטן און מיט כבוד ארומנעמען, דאס וואס ס'האט זיך אין אונזער טויזנט־יאריקן זיין דארטן אין די מקומות צוזאמענגענומען און לעבעדיק זיך אויסגעטראגן; עס איז דאך דאס אומשטארבליכע, אונזער גייסטיק „אונזער אייגנס", דאס נצחדיקע פון אונזער ארבעט און מי, פון אונזער בלוט און שוויס, וועלכעס קיין שום שונא קאן עס אונז נישט צונעמען און צורויבן. קיין שום בייזע קראפט קאן עס נישט פארניכטן ווען מיר אליין וועלן עס נאר טייער האלטן און הייליק אפהיטן!

בנעורינו ובזקנינו וועלן מיר דאך חלילה אצינד אויסגעראטעט אין פונם פנים פון דער ערד אפגעמעקט! און די מיליאנען קינדערלעך און עופהלעך צומאל ווער קאן זיי ראטעווען — — זאלן מיר דאך כאטש דאס גייסטיק באפליגלטע קינד אונזערס, אונזער שאפונג, וואס שוועבט אריבער איבער געטא־מויערן, איבער גרענעצן און איבער ימים, — אונזער פליענדיקע פאווע — באשיצן און באהיטן און גיטן לעצטן הארץ־בלוט אונזערס עס ווייטער האדעווען.

עס האט זיך דאך אפגעראטעוועט דאס טויזנט־יאריקע לעבען אונזערס און הענגט שווער איבער אונזערע קעפ ווי א זאפטיקע פירה פון צווייג אראפצופאלן — צווישן די בלעטער פון אונזערע שרייבער און דיכטער האט געלאדן געצייטיקט די פרוכט פון אונזער שווערן לעבן · דער וואקלדיקער באדן אויף וועלכן מיר האבן געלעבט און זיך שווער געמאטערט און דער אומענדליך אייביקער הימל נידריק איבער אונזערע געבויגענע קעפ איז דאך צוזאמענגעטאטמט געווארן מיט אונזער טיפן און אפגעהאקטן דעך צו אן אייגענע געלייטערטע אטמאספערע.

און ווער זאל דאס באהיטן, אויב נישט מיר, וואס זיינען די צווילינגס־ברידער פון אונזערע יידישע ברידער און שוועסטער אינדערהיים, וועלכע ליידן אזוי פיל, מיר וואס די יידישע קולטור איז א טייל פון אונז — דאס בלוט פון אונזער בלוט. די אנטלויפערס, די אסימילאטארן? זיי ווילן דאך יעדן שפור פון אונטער זייערע אנטלויפנדיקע פיס אפווישן — אפילו ווען ס'איז יידיש פארגאסן בלוט! דעם פ. נ. צומאל פון זייערע אייגענע מצבות אפמעקן און מיט זייערע אייגענע נעגל אויסקראצן. די עקסטרעמע נאציאנאליסטן מיט זייער „שלילות הגלות"? (עס איז מסתם א פאליטיש־שלאג־ווארט נאר, ווען נישט איז אויף זיי געבעך א גאטס־רחמנות מיט זייער גאנצן קיום היהדות.) ליגט דאך דער הייליקע חוב אויף אונז יידיש ריידנדיק, יידיש פילנדיקע, אויף יעדן פון אונז לפי כוחו צוצולייגן א האנט, צו טון עפעס, אז דאס געשאפענע, אונזער גייסטיק האב און גוטס זאל חלילה נישט אין גאנצן גיין לאבוד. און בפרט

אַז אונזער מאָדערנע קולטור־שאַפונג האָט אין זיך פרישע אַטמאָספערע שטאָפן, טון געזונטע סטימול־מיטלען פאַר אונזער אייגענעם שטיקנדיק און שווערן לעבן. און ווער ווייסט, און ווער קאָן עס וויסן, אפשר, פאַר אונזער „פאַרלוירענע" יוגענד, ווען זיי וועלן בשלום און געזונט אַהיים־קומען פון די מלחמות־פעלדער וועט זיין אונזער קולטור אַ טרייסט פאַר זייערע טרייסט־באַדאַרפנדיקע הערצער און פאַר זייער געהעצטן אָטעם אַ דערפרישן.

## די לעצטע פינף ימים נוראים שבתים

האָבן באמת געטראָגן דעם ריכטיקן כאַראַקטער און געהאַט דעם געווינטשטן דערפאָלג. דער שבת פאַר ראש־השנה, געווידמעט ימים־נוראים־פאָלקלאָר און די סקאַרבאָווע נגונים פון תפילות און פיוטים, איז געווען ווי אַ מין אוווערטירע פאַר דעם שבת פאַר די קלאַסיקער: פרצעס „בערעל" דעם שניידער" און „שופר־בלאָזן", שלום עליכמ'ס „כל נדרי" און מענדעלעס „הבין יקיר לי אפרים" פונם „ווינטשפינגערל". דער שבת פון די פאָעטן־קלאַסיקער: מאָריס ראָזענפעלד און ש. פרוגס סכות־באַלאַדן און סאַטירן און יהואש קוהלת איבערזעצונג. דער שבת פון די דיכטער און שרייבער האָט אָנגעפאַנגען מיט אברהם רייזענס „שכור" איז געענדיקט מיט יוסף טונקלס אַ יום־טובדיקע הומאָרעסקע. דער שמיני עצרת־שבת איז געווען צוזאַמענגעשטעלט, ווי אַ מין עם כל הנערים פון אונזערע שרייבער און פאָעטן דאָ אין לאָנדאָן. ס'איז באמת געווען יידיש־יום־טובדיקע אַטמאָספערע און אין די לאַבנדיקע טרערן פון אונזערע אויגן האָבן ציטערדיק געשפיגלט און געוויינט אונזערע שטעטלעך אינדערהיים.

## א דר. גאסטער שבת-נאכמיטאג

דער היינטיקער שבת, דעם 10־טן אָקטאָבער — אַזוי צו זאָגן צום היי־יאָריקן שבת־בראשית — איז געווען געווידמעט דעם געוועזענעם חכם פון דער ספרדישער קהלה דאָ אין ענגלאַנד, דעם באַרימטן פילאָלאָג, פאָלקלאָר זאַמלער און פאָרשער, דער פרעזידענט פון פאָלקלאָר געזעלשאַפט — אַ באמת פאַסיקער חתן־בראשית אין יעדער הינזיכט פאַר אַזעלכע מיני שבת־נאָכמיטאָגס. מ'מוז נאָר לייענען דר. גאָסטער'ס בריוו צו זלמן רייזן וועגן דער יידישער שפראַך און יידישער שאַפונג — ס'איז אַ הימן פאַר אונזערע מאָדערנע קולטור־אוצרות, אַ פאַרניכטנדיקער קאַמף־אָנזאָג פאַר אַלע גרינגשעצער פון יידיש און יידישער קולטור.

דער אַרבעטער־טוער מ. מינדעל האָט געהאַלטן אַ געלונגענעם פאַרטראָג איבער דער פערזענליכקייט גאָסטער, ער האָט דערציילט און וואָרעם געשילדערט זיין אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע און זיין אַהערקומען



דאָ אין לאָנדאָן און זיין געוואַלטיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן און זיין גרויסע ליבע צו די יידישע פאָלקס מאַסן און זיין ווילן העלפן זיי אין יעדער מאַטעריעלער און גייסטיקער נויט. דער רעדנער האָט אויך גערעדט איבער די פילע ביכער און פאָרשונגס אַרבעטן, וואָס דר. גאָסטער האָט געשריבן איבער דעם רומענישן פאָלקלאָר, איבער דער שומרונישער שפראַך און ליטעראַטור־פאָרשונג און זיין באַרימט ווערק איבער דער יידישער „כתובה".

דער דיכטער משה עובד האָט גייסטרייך, אויף זיין אופן, דערציילט זיינע זכרונות און באַגעגענישן מיט דר. גאָסטער, פון זיין אַ־קינסטלערישקייט, וואָס איז געווען די פסיכאָלאָגישע סיבה מסתמא צו פאַרשידענע סכסוכים מיט זיין קהילה און מיט דער ציוניסטישער פעדעראַציע; זיין געגנערשאַפט צו ד"ר ווייצמאַן איז מער געווען אַן אַמביציעזע, כאָטש זיינע טענות האָבן געשיינט צו זיין, און זיינען אויך אָפט געווען ערנסטע און גערעכטע. משה עובד האָט אויך געשילדערט זיין חריפישן און פענאָמענאַלן זכרון, זיין יידישע וויציקייט און הומאָר. „גאָסטער איז געווען נישט נאָר דער 'כאַכאַם' פון אַ רייכער קהילה, נאָר דער אמת יידישער חכם".

כהן האָט נאָך דערציילט צוויי וויכטיקע אָנעקדאָטן פון זיין פערזענליכן לעבן אין וועלכע דר. גאָסטער האָט געשפילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. שטענצל האָט פאָרגעלעזן דר. גאָסטער'ס בריוו צו זלמן רייזן און אויסגעפירט אינם קורצן איבערבליק איבער פאָלקלאָר, אַז צווישן די יידישע פאָלקלאָר זאַמלער וועט דר. גאָסטער'ס נאָמען נישט פאַרלוירן גיין, פונקט ווי יענער נאָמען פונם יאָרקער תלמודיסט איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען פון צווישן די בעלי־תוספות.

דעם גרויסן עולם'ס אַפּלאָדירן איז געווען אַ דאַנק פאַר די רעדנער און אַ וואַרעמער אויסדרוק פון רעספּעקט פאַרן חכם דר. גאָסטער.

---

## דר. גאסטער איבער דער יידישער שפראך

אַ טייל פונם טעקסט פון דר. גאָסטער'ס באַגריסונגס בריוו צום אַל־וועלטליכן צוזאַמענפאָר פון „ייוואָ" 1935. ציטירט פון די ייוואָ־בלעטער (חודש־שריפט פון יידישן וויסנשאַפטליכן אינסטיטוט) צענטער באַנד, אויגוסט־דעצעמבער, זייט 104.

„...די יידישע שפראַך פאַראייניקט, זי איז דער אויסדרוק פון דעם אינעווייניקסטן נשמה'דיקן לעבן און נאָר דורך דעם קען געשאַפן ווערן אַן אמת'דיקע פאַרשטענדעניש צווישן מענטשן, אויב זיי ריידן די זעלביקע שפראַך. די פּאָליטיק פון די מאָדערנע פעלקער שטעלט דעם טראָפּ

דוקא דערויף צו צווינגען אַלע איינוווינער פון אַ לאַנד אויסצובייטן זייער אייגענע נשמה אויף אַ פרעמדער. דורך דעם צערייסט זי די פאַרבינדונג מיט דעם עבר און דורך איינאַימפן אַ נייע שפּראַך פּרוווט זי די נייע גענעראַציעס צו פאַראייניקן מיט דער נשמה פון די פעלקער.

„מיר יידן ליידן מער פאַר אַלע אונטער דער דאָזיקער פּאָליטיק פון דער שפּראַכלעכער „גלייכשאַלטונג". אַן אמת'ער אָדער איבערגעטריבענער פּאַטריאָטיזם שטופּט די מענטשן דערצו, אַז זיי זאָלן אָננעמען די שפּראַך פון דעם פאָלק, וואָס צווישן אים לעבן זיי, און אונזער רייכע און געמיטפולע שפּראַך, וועלכע איז אויסגעבילדעט בשלימות און איז אַריינגעדרונגען אין די טיפסטע פאַלדן פון אונזער נשמה מוזן זיי פאַרבייטן אויף אַן אַנדער לשון... דער פועל־יוצא דערפון איז אַן אינעווייניקסטע צעפּאַלונג און אַן אויסנווייניקסטע צעשפּאַלטונג.

„מיר פאַרשטייען שוין ניט איינע די אַנדערע, מיר ווערן פאַרפרעמדט ניט נאָר נאַציאָנאַל, נאָר אַפילו גייסטיק אויך.

„מען מוז דעריבער מיט אַלע כחות שטרעבן דערצו, אַז די קולטיווירונג פון דער יידישער שפּראַך זאָל ווייטער אָנגיין מיט דער גאַנצער ענערגיע און עס זאָל די אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן געוויזן ווערן, וואָס פאַר אַן אוצר זיי פאַרלירן סיי פון גייסטיקער ליטעראַטור סיי פון נאַציאָנאַלער, באַקומענדיק דערפאַר נאָר פליטערלעך. אויך דער אינעווייניקסטער באַהעפט, וואָס פאַראייניקט די יידן, ווערט דורך דעם אָפּגעשוואַכט און צעשטערט און דוקא ביי די היינטיקע פאַרהעלטענישן איז דאָך דער ערשטער תנאי, אַז מיר יידן, פאַראייניקט אינערלעך, זאָלן די דאָזיקע באַהעפטונג נאָך מער פעסטיקן, כדי צו קענען געבן אַ ווידערשטאַנד מיט פאַראייניקטע כחות. קודם־כל גייט עס דאָך טאַקע אין נשמה'דיקע אחדות, דאָס פאָלקישע קומט שוין ממילא".

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין „שעלטער", 63 מענסעל סטריט, א.1, אין גרויסן זאַל.

שבת דעם 17־טן אָקטאָבער וועט א. ראַלין האַלטן דעם צווייטן טייל פון זיין פאָרטראָג איבער **„די אידן אין ענגלאנד"**: די איינוואַנדערונג פון די יידן אין ענגלאַנד ביזן היינטיקן טאָג. די שוישפּילערין דאָראַ דימענס וועט פאָרלייענען פון יידישע שאַפונגען אין ענגלאַנד.

שבת דעם 23־טן אָקטאָבער וועט זיין געווידמעט דעם מאָדערנעם שאַפן פון יידן אין ענגלאַנד. מ'וועט פאָרלייענען און דעקלאַמירן פון ישראל זאַנגוויל און פון די יידישע שרייבער און דיכטער וואָס לעבן איצט אין לאָנדאָן.

שבת דעם 30־טן אָקטאָבער וועט פאָרקומען אַ דור עדעלשטאַט־



פייערונג צו זיין 50־טן יאָרצייט. ס'וועלן זיך באַטייליקן שרייבער און קינסטלער און אַרבעטער־טוער.

שבת דעם 7־טן נאָוועמבער וועט זיין אינגאַנצן געווידמעט דעם שאַפן פון די יידן אין סאָוויעט רוסלאַנד.

שבת דעם 14־טן נאָוועמבער וו״ז י. פרענקעל האַלטן אַ פאָרטראָג איבער היינריך היינע. די שוישפּילערין דאָראַ דימענט און איזיק גאָלדבערג וועלן פאַרלייענען און דעקלאַמירן פון היינע'ס ווערק.

---

## די אייביקייט פון שאפונגס-געראנגל

(אַ וואָרט איבער קולטור)

— 1 —

קולטור איז די הילף פאַרן מענטש אויף זיין נידריקסטן שטאַפּל, דער מעמקים פון זיין פאַרלוירענעם האַרץ, און אויפן העכסטן, אַז ס'זאָל דאָס טיפסטע ווערן, כדי אַלץ העכער און העכער צו וועלן און דאָס העכסטע צו קענען דערגרייכן. יאָ, קולטור איז מאַכט! אָבער נישט יענע ביטרע מאַכט (ענג־פּאַרטייאישע, אָדער אינדיווידועל פּערזענליכע.) איינער דעם צווייטן צו פאַרשקלאַפן, אומשטענדן פאַר זיך אויסצונוצן. (אינסטינקטיווע פריינטשאַפט און פרימיטיווע ליבע, אפילו, קענען עס אויך נאָך זיין.) קולטור איז יענער געוואַלטיקער כח, וואָס טוט גוט דעם מענטש, וואָס העלפט אים, וואָס באַפרייט אים; יענע שעפערישע השפעה נייע אומשטענדן צו באַשאַפן, אינם אינערליכן ווי אינם אויסערלעכן פונם מענטש. קולטור הייסט, דאָס אומנוצליכע, אפילו, דאָס שעדליכע אַזוי צו לייטערן און צו קוואַליפיצירן און פון זיין גיפטיקייט צו דערלייזן און פאַרגייסטיקן, אַזוי אומאייגנציק עס צו דערהויבן, אַז עס ווערט אַ ריינקייט פאַר אַלעמען, אַ היילונג פאַרן גוף און אַ הייליקייט פאַרן געוויסן.

קולטור איז, דעם דומם און צומח און דעם בעל־חי אין איין דרייאייניקייט זיי צו פאַרוואַנדלען, אין אַ שעפערישער ווירקונג פאַר זייער אייגענעם נוץ און הילף; דער דערלייז פון זייערע אין כאַאָס געפאַנגענע כוחות צום באַפרייטן און געאָרדנטן זיין. האָט נישט דער בעל־חי, דער מענטש מיט אייגענער עקזיסטענץ געהאָלפן אַרויסוויקלען דעם דומם און צומח און זיך גופא צו אַלץ העכערער פאַטענץ? פון די כל־המינים

אומנוציקע קרייטעכצער יענע קערנער און געוויקסן אַרויסקולטיווירט
דעם הונגער צו שטילן און צו לינדערן דעם ווייטיק, און יענע ווונדער־
וואַסערלעך צו היילן די וווּנדן? און האָט נישט דער מענטש די דערפאַ־
רונגען צוזאַמענגעקליבן און די אויסגעטעסטעטע געסדרט און אָפּגע־
קליבן, און אין האַרצן זיי אין סימעטרישע שורות־בייטן זיי פאַרפלאַנצט
און ווי מיט טויזנט וואַרצל־הערלעך זיי פעסטגעהאַלטן פאַרן מאָמענט
פון שרעק און טויט־געפאַר? און ווי באַהיטן און באַשיצן עס גאַנצע
דורות און עפּאָכעס און ווי טייער ווערט עס געהאַלטן, דאָס ירושהדיקע
געשאַפענע, אין די הערצער פון די ערליכע און תמימותדיקע.
און ס'איז דער זיך מיענדיקער מענטש געווען, וואָס האָט זיינע
פאַרמאַטערט־צעאַרבעטע הענט פון דער פינסטערער ערד אָפּגעריסן און
צום ליכטיקן הימל זיי אויפגעהויבן, אים אויף דער ערד אַראָפּצוברענגען.
דער נידריקסטער און פאַרשקלאַווטער איז עס געווען און דער פון פאַ־
טאַלע נאַטור־כחות אַ געפאַנגענער, וואָס האָט זיך פון די אויפגענומענע
און פעסטגעהאַלטענע פאַרמען אַ נייע וועלט באַשאַפן, סימעטריש געסדרט
און אַ צוזאַמענגעשטעלט־אויסגעגליכענערע, אַן האַרטע ווינקלען, אַז
שאַרפע קאַנטן, אַ ריטמיש־האַרמאָנישערע אין איר זיך צו ראַטעווען פון
באַדריקער און מושלים און פון פאַטאַל־לויערנדיקע געפאַרן אינם
קאָסמישן אַרום. ווער זיינען הען געווען די ערשטע רעליגיע באַגרינדער
און נביאים און שפעטערע פילאָזאָפן און פאָעטן, ווען נישט די „פאַריער"
און די „משוגעי־הרוח"? יאָ, קולטור איז די עמפּיריש־באַוויזענע מאַכט,
אַז גערעכטיקייט איז שטאַרקער ווי ברוטאַלע פרימיטיווע קראַפט, אַז
באַרואיקטער גערויסן איבערלעבט דעם אכזריותדיקן כח — עס איז די
התגלות, וועלכע האָט זיך באַוויזן דעם שוואַכן אין זיין נויט און גע־
שטאַרקט אים און אים געהאָלפן אין זיין שוואַכקייט און דערלייזט אים
פון אַלע זיינע אינערליכע פייגען און אויסערליכע נויטן; „דאָס גאָלדענע
צייט־אַלטער" מאָלט זיך אין די וווּנדערלעכסטע פאַרבן, דאָס „מלכות
השמים" באַווייזט זיך אין זיין געטליכער גלאָריע: די קומענדיקע צייט
פון ברידערלעכקייט און פרייהייט, פון גלייכהייט און האַרמאָנישע
איינהייט — — —
נישט די זיך קריגנדיקע געטער אויפן אָלימפּ, הערויִש־רייטנדיקע
אויפן זונען־וואָגן, האָבן מיט זייערע קנאה־שנאהדיקע אויגן דערזען די
הערליכקייט פון דער זון און זי פעסטגעהאַלטן מיט ריטמישע קלאַנגען
און פאַרבן — דער בלינדער שקלאַוו האָט זי אין זיין געוואַלטיקער
איינזאַמקייט דערזען, אויף די שווינדלדיקע סערפּענטינען צווישן די
עגעאישע בערג, און דער זיך הערלייזנדיקער עבד אין זיין באַפרייאונגס־
קאַמף האָט זי פעסטגעהאַלטן אויף זיין פאַרבלוטיקטע שפיז אין טאָל פון
גבעון. עס איז דער מיענדיקער מענטש, אין זיין אַרבעט און אין זיין
קאַמף, וועלכער טראָגט אויס די אויפגייענדיקע זון אין יעטווידן קרייז־
דיקן לויטערן טראָפּ פון זיין צעוואַרעמטן בלוט.





און פונקט ווי דער פון זיטיווער מענטש, אין זיין תמימותדיקער
תפילה צו זיין גאָט, ראַטעוועט זיך פון אַ פינסטערן כאַאָס אין זיך און
ווערט געהאָלפן, אַזוי דערלייזט זיך דער עכטער קולטור־מענטש אין זיין
אינערליכע געמיטס־נויט און אין זיינע אויסערליכע נישט באַגרייפליכע
געשעענישן מיט ריטמיש געפאַרמטן וואָרט, מיט האַרמאָנישע מעלאָדיע,
מיט סימעטריש געצויגענע ליניע און, אין ציטער פון זיינע צוויי זוכנדיקע
אויגן, מיטן אויסגעוואויגענעם פאַרבן־געמיש; זיין פאַרפלאָנטערטער
געדאַנק, זיין בלאָנדזשענדיקער בליק, זיין שווער פינסטער געמיט, וויקלט
זיך אויף, עפענט זיך ליכטיק אויף, ווערט ריטמיש געסדרט און זיין האַרץ
אָטעמט טיף אָפּ. וואָס איז דען אַזוינס אייגנטלעך די ווונדערליכע
בליענדיקע בלום, און דער הערלעך פינקלדיקער שטערן עפּעס אַנדערש
דען ווי פינף, אָדער זעקס ליניעס, אָדער חלקים־טיילעכלעך אין איין
געאָרדנטע סימעטריע געסדרט? און קולטור איז אָט־אָ דאָס: די נויט־
ווענדיקע דערפילטע באַציאונג פון איינעם צום צווייטן, אין אינערליכן
ריטם, אין האַרמאָנישן סדר.

אָבער קולטור איז נישט נאָר באַגרענעצט אויף ריין גייסטיקן און
שעפערישן—זיין אייגענעם גאַנג און באַוועג קאָן דער מענטש קולטיווירן
ווי ריטמישן טאַנץ, זיין אייגענעם גוף קאָן ער פאַרמען ווי קינסטלערישע
פלאַסטיק. און אַרבעט נישט יעדער מענטש אויס זיין צורה ביז צום
מינדסטן קנייטשעלע און שטריכעלע ווי אַ געפאָרמטע מאַסקע? טראָגט
דער מענטש נישט דאָס ביסעלע גוטס פון זיין טיפן האַרץ און די אינער־
לעך נאָגנדיקע בענקעניש זיינע אינם ווינקל פון זיין אויבערשטע, אָדער
אונטערשטער ליפּ, אָפּן פאַר אַלעמענס בליקן? און דאָס איז אייגנטלעך
דער גרויסער נישט פאַרענדערליכער זין פון קולטור: די עכטקייט פון
וואָרט און פון האַנדלונג צו לויטערן און צו קולטיווירן. דורך הונדערטער
קאַנאַלן גייט עס און דורך טויזנטער וואָרצל־הערלעך אָנצוקומען
קריסטאַל־געריייניקט, אין די טיפענישן פון איין מקור, זיך שפּראָצנדיק
אַרויסצורייסן אין אַלע הויכקייטן דורך איין שורש. אין איין באַוועג שוין
פונם מענטש, אין איין קלאַנג בלויז פון זיינע ליפּן, דערקענט מען דעם
קולטור־מענטש! יעדעם חניפישע און פאַרקנעכטישטע, יעדעם געמאַכטע
און פאַלשע פאַלט אַוועק ביים עכטן קולטיווירטן: ער זוכט דאָך קיינעם
נישט צו באַווירקן, אָדער באַהערשן! ער האָט עס אויך נישט נייטיק —
עס איז דאָך דער לויטערער קלאַנג פון דער גאָלדענער מטבע, וואָס
האָט אין זיך דעם פולען ווערט פון איר ערליכער וואָגיקייט; אומגעקערט,
אין זיין קליינסטער האַנדלונג, אָדער געוויינליכסטן באַוועג, ווערט
אפילו דאָס ערנסטע און הערויִשסטע צו „קליין־געלד" אָפּגעטיישט
אינם געמאַכטן אָנשטעל פונם פרימיטיוון נישט קולטיווירטן נפש.
קולטור איז די הילף פאַרן מענטש אויף זיין נידריגסטן שטאַפּל,

און נישט אַראָפּצופאַלן דערגרייכנדיק אויף זיין העכסטן; ס׳איז יענע
שווינדלדיקע חלום־לייטער אויף וועלכער דער גייסטיק־באַפליגלטער
מענטש גייט אַרויף און אַראָפּ מיט לעצטן לעבנס־גראַנגל זיך פעסט־
צוהאַלטן, אויסצוהאַלטן אַלע שטרויכלונישן, בייצוקומען אַלע שטערע־
נישן. עס זיינען געוויזן די פאַרשקלאַפטע קנעכט און די באַפרייטע
קעמפער, וועלכע האָבן באַשאַפן די קולטור און זיי מוזן אויך זיין אירע
באַשיצער און אירע באַהיטער, אַז זי, די קולטור, זאָל נישט אַליין דער־
נידריקט ווערן צו אַ ביצלעכן פאַקטאָר, צו אַ בלויזן קולט־מיטל, וואָרעם
דעמלט איז זי נישט מער יענע סימעטרישע פאָרעם פון נויטווענדיק גע־
שאַפענע און ווייטער שאַפנדיקע אומשטענדן, נאָר זי איז פרימיטיוער
איינפאַל כיטרע צוזאַמענגעשטעלט, נישט־אויסגעגלייכטע אומשטענדן
תקיפות׳דיק פעסטצוהאַלטן; דעמלט איז זי נישט מער די הילף פאַרן
שוואַכן אין זיינע נויטן, נאָר נאָך מיט אַ כלי־זיין מער אין די הענט פון
די אכזריות׳דיקע באַדריקער ברוטאַל צו פאַרניכטן יעטווידן אין זייער
וועג שטייענדיק! אין די הענט פונם אויסנוצער און פרימיטיוון מושל איז
די גאַנצע מענטשליכע שאַפונג נאָר אַ גיפטיקע קולטיווירונג פאַר שנע־
לערן פאַרדאַרב און כאַאָס פון יעדער דערגרייכטער עטישער און עס־
טעטישער פאָרעם. יעדער שטרויכל־שטיין אָבער ווערט צום פרוו־
שטיין, ווען דער פאַל איבער אים, ווען דער צוזאַמענפראַל מיט אים
קלינגט אויס לויטער און ריין!

און דאָס איז דאָס עמפּיריש־באַוויזענע, דאָס קולטיווירטע אומבאַ־
דינגטע, די זיך באַווייזנדיקע התגלות אינם מענטשליכן האַרץ — עס איז
זיך מצמצם מיטן אין־סוף! אַלע ליכדנשאַפטיגע ראַנגלען און מידות־
האַרמאַניען שטראַלן ליכטיק אַרויס פון איין ברען־פונקט, ליניענדיק
געסדר׳ט און פאַרביק פראַפּאָרציע, ווי אַ האָריזאָנט וואָס טראָגט די גאָל־
דענע זון אין זיך; אויפגייענדיק, צי אונטערגייענדיק? אין מזרח־זייט,
צי אין מערב־זייט? דאָס איז די אייביקע רגע פון שאַפן! און ליכט און
פינסטערניש זיינען בלויז די כסדר׳דיקע ליניען־פאַרענדערונגען איבערן
גלאָבוס־ערד מיט זייער מעריאַדן און „ברייטן־שטריכן“. איבערן פיבער־
דיקן קאָפּ פונם שאַפנדיקן מענטש, פונם ראַנגלדיקן מיט די כאַאָטישע
כוחות אינערלעך אין זיך, און מיט די נאָך געוואַלטיגערע, וואָס ריגלען
פון דרויסן אים אַרום, איז די טאָג־טעגליכע זיך אויפהויבנדיקע זון, פון
פינסטערע כמאַרעס די זיך אַרויסקעמפנדיקע זון, יענער זיך דערוואָ־
רעמדיקער קוועקזילבער־טראָפּן, וועלכער צייכנט די סקאַלן־גראַדן.



און אויב מ׳רעדט אין ערנסטן זיך פון אַ קולטור־ניווא, מיינט עס
נישט דאָס שטאַפּל, די מדרגה פון עצם געשאַפענעם, פונם אָביעקט קול־
טור, עס מיינט דער ניוואָ פון אַ מענטש, פון אַ ישוב, פון אַ פאָלק, זיינע



גייסטיקע פעאיקייטן אויפצונעמען, זיינע עכטע שאַפונגס־כוחות אויף
וויפיל זיי קאָנען זיך מיטבאַטייליקן. פון די אויסנוצערס, פון די גייסטיקע
אוצרות, לשם מאַטעריעלער אָדער פערזענליכער מאַכט־באַזיץ, פון די
רעדט מען בכלל נישט, ווייל דאָס גייט בכל אופן נישט אַרונטער אונטערן
סוג פון קולטור, אונטערן נידריקסטן שטאַפּל אפילו נישט; דאָס זיינען
די פאַרדאַרבער און זייערע נאַכשלעפּערישע אונטערגראָבער פון דער
חלום־לייטער אויף אונזער וואַקלדיקער ערד. מיט זיי, סיי מיט די
אָפענע ברוטאַלע פאַרטיליקער פון גייסטיק געשאַפענעם, סיי מיט די
פאַרדעקטע פתדגים, יענע אַזוי גערופענע „קולטור־טרעגער“ מכל
המינים און „פאַרטיי־פירער“, וועלכע זיינען תמיד אָנגעטראָפן ביי יע־
נער פאַרטיי, וואָס איז גראָד „פירענד“... יענע מינדערווערטיקע „גע־
פילס־מענטשן“ וואָס שטייגערן זיך קראַנקהאַפט צו „זשעניען“, יענע
„וויסנשאַפטלער“, וואָס „פּאָפּולאַריזירן“ געגנסטעריש עסטעטישע מע־
טאָדן! — מיט זיי איז דאָך דאָס דער כסדר׳דיקער געראַנגל, זיי ביי־
צוקומען (און די פּלאָג פון די פּלאַגיאַטן ווידער, יענע חוצפּהדיקע עמי־
הארצים מיטן יאַאיון אָנשטעל פונם מעלה־גיר׳הדיקן לעמעלע, וויי זיינען
דאָך, ליידער, דאָס נאַטירלעכע אָנשיקעניש, ווי די בייסנדיקע פּאַראַזיטן
אויפן קערפּער פון יעדן בעל חי . . . )

יעדעס ניוואָ אָבער ביי אָביעקט קולטור גופא, דאָס העכסטע אפילו
איז שוין אַראָפּ פון זיין מדרגה, עס איז צווייט, אָדער דריט־ראַנגיק —
עס איז אין אַ געוויסן זין אַ נחות־דרגא! עס איז צוגעפּאַסט, זיך אונ־
טערגעוואָרפן צו אַ געוויסער שטופע און לעבנס־מעגלעכקייט (דער
בעסטער באַווייז פון נישט עכטער פּאַטענץ!) און אָפּטמאָל איבער די
מעגליכקייטן. און דעמלט, ווען ס׳איז איבער די מעגליכקייטן, רעדט
מען פון דעקאַדענס! און טאַקע דערפאַר, מסתמא, די גייסטיקע סימ־
פּאַטיעס און גאָר גאַנטע באַציאונגען פונם דעקאַדענס צום פרימיטיוו
און די אָפטע ענליכקייט אין זייערע שאַפונג־פאָרמען. עכטע גייסטיקע
פּאַטענץ איז דאָס וואָס זי איז — אַן יעטווידן אינערליכן אָנשטעל און
אָן יעדער אויסערליכער מיטהילף! — דאָס וואָס זי האָט דורך איר
בהדרגה׳דיקן קולטיווירן זיך און זיך לייטערן דערגרייכט געשעט אין
דער שאַפונגס־רגע, אינם קלימאַקס פונם אַקומילאַציאָנס פּראָצעס. אימ־
פּאַטענץ נאַרקאָטיש־געשטייגערט קומט העכסטנס צוריק, אויף אַ קינסט־
ליכן אופן, צום פרימיטיוון אינסטינקט; ביי דעם באַרוישטן־וואַקלדיקן
איז אויך אַסימילאַציע, טיילמאָל, דער איינציקער אָנהאַלט — דער לעצ־
טער לעבנס־קראַמף (נישט קאַמף!) פון אויפלעזנדיקע פאָרמען, ביי יע־
נע, וואָס איבער די מעגליכקייטן.

אָבער פונקט ווי ס׳איז ביים טעמפּעראַטור־מעסטער איבערן נול און
אונטערן נול, דער זיך הייבנדיקער און פאַלנדיקער גראָד אויף דער סקאַ־
לע, די באַצייכנונג אונטערשיד נאָר פון איבער־ און אונטער־טעמפּעראַ־
טור, דער געפריר־פונקט אָבער איז אומעטום, פונם צפון־פאָל ביזן דרום־

פאַל דער זעלבער—ווען ס׳פּירט, ווען ס׳הייבט אָן אויפצוטייען—יענע פּאַטענציעזע אין־סופיקע רגע פון שעפערישע פאַרענדערונג, וועלכע קאָן נאָר העכסטנס באַצייכנט ווערן, ווי יעדעס איבער־מענטשליכע לעבן־שאַפנדיקע, מיט צוויי געגנזעצליכע נעגאַטיון: ווען ס׳פרירט, ווען ס׳הייבט אָן אויפצוטייען! — אַזוי איז עס אויך מיטן שאַפונגס־מאָמענט אינם גייסטיקן, אינם גערעגל צווישן לעבן און טויט — צווישן דינאַמישן און סטאַטישן, נישט זויסנדיק ווען און ווו, תמימות׳דיק־תמים׳דיק געשעט דאָס וואונדער פון יצירה! און איז עס נישט דער זעלבער אופן, ווען דאָס זוימען־קערנדל הייבט אָן צו קיימען און לעבעדיק צו שפּראָצן? עס דערשפּירט אין זיינע אינערליכע טיפענישן די וואַרעמע פאַרענדערונג, פון אַ זיך זעצענדיקער זון אויף דער קאַלטער סוף־ווינטערדיקער ערד. און דאָס שוועלבל, הייבט עס זיך נישט דעמלט אָן אויסצופיקן אפשר, ווען עס דערשפּירט אין זיין זריעה־קיים די וואַרעמקייט פון די זיך זעצנדיקע שוואַלבן־מוטער?

אויף איין זייט די סטאַטישע ערדישע סטאַגנאַציע, אויף דער אַנדערער זייט דער בלוטיק גליאיקער קאַמף, די הפיכים אין זייער העכסטער עקסטאַז, אויפן שטאַפּל פון זייער העכסטערע דערגרייכונג — — איינער דעם אַנדערן! און אינם צעפלאַקערטן געראַנגל איינער מיטן אַנדערן! און ס׳געשעט דער לעבעדיקער נס, דאָס וואונדער פון התגלות — די לעבעדיקע באַשאַפונג פונם גייסטיקן מענטש; קערניק־שפּראָצנדיק זיך מצמצם זייענדיק אינם אין־סופיקן פּערספּעקטיוו, נישט פאַרלוירן צו גיין אינם אומענדליכן חלל פון געוואַלטיקע כוחות, און נישט אין דער אייגענער ליידיקער כאַאָטישקייט — — עס דערזעט דער מענטש דאָס בילד פון דער וויזיע, די פאַטאַ מאָרגאַנאַ, ער דערהערט דעם טאָן פונם אייביקן רוף און ער אַליין שרייט אויס ווי אַן עכאָ פון דעם געזעגנעם און געהערטן: „הנני!" איך בין דאָ, דאָ שטיי איך צום דינסט, צום מסירת־נפש׳דיקן אויפּאָפּפערן, ביז צום לעצטן אָטעם־צוג, ביז דער לעצטער בלוט־טראָפּן איז הייליק געלייטערט — נאָר מיט די אויפלעזונג פון זיינע פיזישע און זיינע כעמישע שטאָפן קאָנען זיך פאַרענדערן אָדער אויפלעזן די עכטע געשאַפענע פאָרמען.

א. נ. שטענצל.

---

געדרוקט ביי י. נאַראַדיצקי (ט.יו.) 129־131 קאַוועל סטריט, א.1.

פרייז 4 פענס.